# חסד לאברהם

## ספר היובל לאברהם גולומב

## צו זיין אכציקסטן געבוירן-יאָר

רעדאַקטירט פון

**משה חזקוני - שטאַרקמאַן**


ארויסגעגעבן פון

אברהם גאָלאָמב יובל-קאָמיטעט

ביים ייִוואָ אין לאָס אַנדזשעלעס

תש"ל — 1969 — 1970

**דב סדן** (ירושלים)

# אַן אַלט חדר־רעטעניש

## א

איך האָב שוין דערציילט („לשוננו לעם", ניסן־אייר תשכ"א) ווי דער פֿײַנער פֿילאָלאָג און סופֿער־קלוגער פֿאָלקלאָריסט עמנואל אלסוואנגער עליו השלום, האָט מיר סוגערירט צוויי ענינים, וואָס עס איז כּדאַי אין זיי זיך אַרײַנצוקלערן. דער ערשטער ענין וואָס מיר וועלן איצט זיך אָפּשטעלן וועגן אים, איז דער באַקאַנטער זאָג „נח מיט זיבן גרייזן", וואָס ווערט געוויינטלעך אויסגעטײַטשט ווי אַ שם־דבר פֿאַר עם־הארצות. אָבער, מעגלעך, אַז עס איז אַ טאָפּל־שפּיל מיטן וואָרט גרײַז, וואָס מיינט סײַ אַ טעות און סײַ אַ זקן אַזוי, אַז זיבן גרײַזן קען גאָר מיינען זיבן זקנים, וואָס זײַנען צוגלײַך מיט זיבן חכמים. האָב איך שוין מודה געווען ברשות הרבים (דאָרטן), אַז איך האָב ניט געוווסט, וואָס עס לאָזט זיך מאַכן מיט דער דאָזיקער השערה, — דען מיר געפֿינען טאַקע כּמה וכּמה זיבענערס, אָבער נח הצדיק ווערט צווישן זיי ניט אויסגערעכנט. אמת, ער איז איינער פֿון די זיבן וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן גמל'ט. פֿאַר אים — אדם הראשון און זײַן זון שת, נאָך אים — יעקבֿ אָבֿינו און יוסף הצדיק, משה רבינו און דער רעכטפֿאַרטיקער איוב. אָבער זיקנה־עלטער ווערט דאָך ניט באַשטימט בשעת לידה, בײַם געבוירן ווערן, נאָר בשעת מיתה, בשעת אָפּשיידן זיך פֿון דער וועלט. און וואָס שייך מיתה — לאָזט זיך די צאָל זיבן אָנווענדן לגבי נוח בלויז אין זיבעטן פֿונעם מדרש, וואָס זאָגט, אַז נח צוגלײַך מיט אַנדערע וואָס ווערן אָנגערופֿן תּמים האָבן צוגעצויגן זייערע יאָרן ביז דער מידה פֿון שבוע. איך האָב אונטערגעצויגן דעם סך הכּל, אַז עס איז אַ קנאַפּע השערה, איך וואָלט געווען צופֿרידן ווען עמיצער וואָלט זי געקאָנט לייטישער אונטערשפּאַרן.

⁂

האָט זיך דערויף אָנגערופֿן זאב אגרת (דאָרטן, חשון־כּסלו תשכ"ב) און אָנגעוויזן, אַז לויטן ספֿר בראשית האָבן אַלע דורות ביז בוחן (און נוח אויך אין כּלל) דערגרייכט אַ הויכע עלטער, אָבער זיבן (אדם, שת, אנוש, קינן, ירד, מתושלח, נוח) זײַנען אַריבער דעם גבול פֿון נײַן הונדערטער און עס איז גרייכלעך מעגלעך, אַז זיי זײַנען דאָס געווען נוח מיט די זיבן גרײַזן. אָבער שפּעטער האָט דער טאָפּל־באַטײַט פֿון וואָרט גרײַז אויסגעצייטיקט, דאָס אונדזער שטיפֿעריי וואָס וויל באַווײַזן, אַז אַפֿילו אין אַ וואָרט וואָס באַשטייט בלויז פֿון

צוויי אותיות קען מען נכשל ווערן מיט זיבן גרייזן (־טעותים, פעלערן). פרעגט זיך, פאַר וואָס דווקא נוח און ניט כּוח, ווי אַ וואָרט וואָס באַשטייט אויך פון צוויי אותיות און מען קען גלייך פון אָנהייב משבש זיין פאַרבייטנדיק די כף אויף אַ קוף?

אָבער די הסברה פון ר׳ זאב אגרת פאַרענטפערט ניט דעם עצם זאָג „נח מיט זיבן גרייזן (־זקנים), ווייל טייטשן מיט אין זינען פון אין מיטן לאָזט זיך ניט, ער איז דאָך דער לעצטער פון זיי. נאָך האַרבער איז די קשיא: ווי אַזוי ווייסט ניט דער מדרש פון אַזאַ פשט, און דאָס פאָלקס ווערטל ווייסט עס יאָ? איז עס טאַקע אַ שאַרפער כאַפ אָבער ער העלפט אונדז גאָר ווייניק.

***

און דער טאָפּל־שפּיל מיטן וואָרט גרייז, אין באַטייט פון זקן און אין באַ־טייט פון טעות, גייט שוין אָן אין פאָלקסהומאָר פון לאַנג, און אַזוי איז באַקאַנט די מעשׂה מיט מלמד וואָס האָט געקנעלט מיט יונגע אויסגעוואַקסענע ישובני־קעס, און ווען זיי האָבן געמאַכט אַ גרייז, און זיי האָבן דערמיט ניט געשפּאָרט, האָט ער — דער מלמד — זיך אויפגעשטעלט און אויך געהייסן די תּלמידים אויפשטיין און אויך מקיים זיין דעם פּסוק מפּני שׂיבה תּקום — פאַר אַ גרייז (־אַ טעות) זאָלטו אויפשטיין (ויקרא יט׳ לב׳). ר׳ יקותיאל בליץ און ר׳ יוסף וויצנהויזן טייטשן „פאַר איינעם גרייז גראי זאָלסטו אויפשטיין״, אָבער אין צאינה וראינה הייסט עס „ווען דו זיכשט (זעסט) איין אַלטן מאַן דאָ זאָלשטו פר אים אויף שטיין״, וואָס לאָזט שוין פאַר אונדזער וואַרטשפּיל קיין אָרט ניט, דען בלויז דער טייטש שׂיבה־גרייז דערמעגלעכט יענע שטיפעריי, ווי מיר האָבן זי סיי בכּתבֿ — אַזוי נוצט זי א. ש. פרידבערג אויס אין זיינעם אַ פעלע־טאָן, סיי בעל פּה — אַזוי דערציילט העגעך קאָן ווען מנחם מענדל הורוויץ, וואָס האָט ניט געקאָנט קיין פּויליש, פלעגט אָבער כאַפּן גרייזן אין „באַש־פּשע־גלאַנד״ אַזוי צו זאָגן: די פעלערן קריכן מיר גלייך אין די אויגן, ס׳איז אַ בפירוש־ער פּסוק: מפּני שׂיבה תּקום — פאַר אַ גרייז זאָלסטו זיך אויפשטעלן („לעצטע נייעס״ כג׳־שבט תשכ״ז) די שטיפעריי האָט זיך דערלעבט אַ ווייטן גילגול אין תּל־אָבֿיבֿ, ווו אַ תּימנער האָט זיך אין אויטאָבוס אויפגעשטעלט פאַר אַ שטאַרק געשמינקטע דאַמע טענהנדיק, אַז ער איז מקיים „מפּני צבע (פאַרב) תּקום (דער תּימנער רעדט אַרויס דעם צ׳ ענלעך צו אַ סמך אָדער אַ לינקער שׂין).

נאָך מער, מאיר פרענקל וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אונדזער ווערטל, דערציילט, אַז ער האָט עס, קומענדיק פון דייטשלאַנד אין לאַנד אַריין, צום ערשטן מאָל געהערט, האָט ער ניט פאַרשטאַנען, וואָס האָט נח צו טאָן מיט זיבן זקנים ביז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מען מיינט גאָר זיבן טעותים („ידע

עס״ העפּט א׳־ב׳ תש״ך ז׳ 51) און ער שטעלט זיך דאָרט אָפּ איבער דעם אָפּשטאַם פֿון וואָרט (גריַז) אין זינען פֿון טעות אָנהייבנדיק מיט יו״ט ליפּמאַן צונץ׳ס השערה, אַז עס איז אַ לשון־קודש־וואָרט גריעות (מינדערקייט־פֿעלער) גריעותא (ברכות נו׳ א׳), איבערגייענדיק צו אַבֿרהם טענדלאָוס סברה, אַז עס מיינט קריַז (עיגול), מיט וועלכן מען האָט אַרומגערינגלט אַ טעות שבכתב, אַ שרייבפֿעלער און פֿאַרענדיקנדיק מיט י. פֿ. גומפּערצס סברה, אַז עס איז דאָס לשון קודשדיקע גרד (אָפּקראַצן), וואָס איז ביַי די פּראָוואַנסלער ייִדן געוואָרן גרז, ווי עס איז געשען מיט אַנדערע ווערטער, וואָס האָבן אַ דלת (תלמוד־תלמוז, דוד־דוויס וכדומה), כּדי לסוף אויפֿשטעלן זיַינע אַ השערה, אַז עס שטאַמט פֿון מגרעת און די מ׳ איז אָפּגעפֿאַלן.

וויַיטער גריַז אין זינען פֿון טעות וואַקלט זיך, ווי מיר האָבן געזען, צווישן עטלעכע השערות, און איך וויל עפּעס צו זיי צוגעבן:

ערשטנס, איז גריעות, געווען, וויַיזט אויס אין ייִדיש, אַט אַ פּיקאַנטע ראיה דערצו: „אייא שפּראַך אַבשלום געלט איך קאָן מאַכן / דאש דוא מוזט צו מיר קומען דש גריעות מוז איך לאַכן / איך וואָלט דוד צו דעם קוניג צו ניט גישיקט הון/זוא בישטו מיר צו הופֿרטיג אונ׳ וואָלשט ניט צו מיר גון״ (ספֿר שמואל לר׳ משה עשרים וארבע אוגסבורג 1544 פֿאַטאָקאָפּיע ל. פֿוקס, אַסמן 1961 סטראָף 1417). עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַבשלום וואָס האָט געשיקט נאָך יואבן, ער האָט ניט געוואָלט קומען, האָט ער אים געלאָזט אונטערצינדן זיַין גערשטנפֿעלד, איז ער יאָ געקומען (שמואל ב׳ יד׳). אבשלומס חוזק־רייד זיַינען אין פּסוק ניטאָ, על כּל פּנים לערנען מיר אָפּ אַז עס איז אין ייִדיש געווען אַ זאָג: דאָס גריעות לאַכן. אמת, פֿעליקס פֿאַלק ברענגט אין זיַין גלאָסאַר דאָס וואָרט גריעות מיט אַ פֿרעגצייכן, משמע — ער פֿאַרשטייט עס ניט פּונקט ווי מיר פֿאַרשטייען עס ניט, אָבער ווי מיר זעען איז דער ווערטל־כאַראַקטער פֿון זאָג קלאָר און מעגלעך, אַז עס מיינט עפּעס ענלעך ווי זיך קראַנק לאַכן, און פּונקט ווי זיַין אויסלייג איז קלאָר און באַשטעטיקט דעם עצם קיום פֿון וואָרט, וואָס לאָזט זיך ניט אויסמעקן.

צווייטנס, וואָס שייך דעם אויסטיַיטש מגרעת — [מ] גרעת — גרעת, בין איך נוטה אָנצונעמען די סברה, וואָס איך האָב געהערט ממורי ר׳ ניסן בערג־גרין, אַז עס איז מסתמא געווען אַ וואָרט גרעת, און וויל אויפֿמערקיק מאַכן אויף אַ שטעל אין ר׳ יעקבֿ־רפֿאל סאַראַוועלס קינה איבערן ערדציטערניש אין מאַנטואַ, ווו עס הייסט:

תצל ותבהל אזן שומעת
מאין הפוגות אל תידום בת עין
רוח אנוש תכהה וכרוח אין
כל ראש לקרחה כל זקן לגרעת.

דער טײַטש: עס קלינגט און שוידערט דאָס הערנדיקע אויער. אָן אויפֿ־הער רוט ניט דאָס אויג, דעם מענטשנס גײַסט פֿאַרטונקלט און ווערט גאָרנישט ווי אַ ווינט, אַ יעדער קאָפּ ווערט אַ פּליך און יעדע באָרד — אַ ריס... פֿאַר־שטייט זיך אַז דער פּײַטן גייט נאָך דעם פּסוק: „בכל ראש קרחה וכל זקן גרועה (ישעיה טו׳ ב׳). טײַטש: אויף אַלע קעפּ איז אַ פּליך, יעדע באָרד איז פֿאַר־שניטן, און כאָטש ער האָט גרועה פֿאַרביטן אויף גרעת צוליבן גראַם, בין איך ווײַט ניט זיכער, אַז ער האָט דאָס וואָרט אויסגעקלערט.

דריטנס, — אַ ציטאַטע, וווּ טעות און מגרעת גראַמען זיך — אין אַ תחינה אויף אַ מאַמעס קבר הייסט עס: „ופן ואולי גם אותי הכּעס הביא לידי טעת לתתי לעקרת הבית מגרעת" (פֿון יחזקאל רעהפֿוס מאָדערניזירטער אויסגאָב פֿון ספֿר החיים תקצ"ח ז׳ 662־663). טײַטש — און אפֿשר און טאָמער האָט דער כּעס אויך מיך געבראַכט צום טעות, איך זאָל פֿעלן אין דער האַרנטע פֿון הויז. אינטערעסאַנט איז דער אויסלייג פֿון וואָרט טעות — טעת (טאַאס) וואָס ווערט באַשטעטיקט דורך דעם גראַמען כּעס — מגרעת. און דער אויסלייג פֿאַרמאָגט אַן אַלטע אויך חוץ־אשכּנזישע מסורה.

פֿינפֿטנס, לשם שלימות דאַרף אויך דערמאַנט ווערן אלכסנדר הרכּבֿיס השערה, וואָס פֿאַרווײַזט אויפֿן רוסישן (גרעכ־) גרעש („היש משפּט לשון לשפֿת יהודית" ז׳ 15) און דאָס איז אפֿשר די שוואַכסטע השערה שוין מחמת דעם, וואָס גרייז איז אַן אורח אין מערבֿ־ייִדישע טעקסטן.

***

כּדי צו געבן אַ בליק אין באַנוץ פֿון גרײַז אין באַטײַט פֿון טעות, וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט אַ קליינעם כראָנאָלאָגיש געסדרטן אָפּקלייב פֿון דוג־מות: „דארום זאָל ניט מענכר אוי מיך טייטן/מענכיר וועלט ווייזן/ וועלט זאָגין דא מיט האָט ער געטון גרייזן". („הקדמה צו ספֿר ירמיהו אויף ייִדיש", פּראַג 1602 (זע ייִוואָ־בלעטער 1945 ז׳ 238); משה מאַרקוזע: „ווען גילערנט, דאָקטערס קאָנן גרייזין און זיך טועה (מכש"כ[־מכל שכן] ליבה ברידער קאָנט איר אײַך טויזנד מאהל מעהר טועה זייך" (עוזר ישׂראל דף כח׳). שלמה עטינגער: „נאַראָנים מאַכן דעמאָלט די גרעסטע גרײַזן/ווען זיי ווילן דווקא נאָר חכמות באַווײַזן" (כּתבֿים, אויסגאַב מאַקס ווײַנרײַך באַנד 1, ז׳ 276). אָדער: „ער האָט געשריגן און גערדייט מיט דער צונג/און געזאָגט גערייזן ווי אַ גראבער יונג" (דאָרט, ז׳ 257): אייזיק מאיר דיק: „אַלעס איר האָט שוין גיטאָן איינע דומהייט, מוזט איהר שוין אייער גרײַז אין גאַנצין אויש פֿירן" (באָרוסקע דער שומר 1871, ז׳ 34) אָדער „דיא שידוכים האבין בייא איהם אויך אַרויס גישלעפּט איין האלבין קאַפּיטאַל, אונ דאָך וואר ער נאָך פֿאַר בלענדט אונ האָט גיזעהען מיט אַלע מעגליכקייט זײַן גרײַז אויס צו פֿירן

און האָט זיך נאָך מעהר בדלות גישטעלט״ (חייציקל אַליין, תרמ״ז ז׳ 30). און אין ווערב באַנוץ: „וואָלטען מיר פֿאַרגעווים מיט אונזערע געבורטען אַזוי פֿיל פֿאַרגרייזט וויא מיט אונזער פֿינף אונ צוואַנציק יאָריקע חתונה״ (דער שדכן תרל״ד ז׳ 24). מיר האָבן פֿאַר זיך אַ רײַכע גאַמע פֿון באַטײַט — כּלערליי פֿעלערן.

אָבער פֿון די אַלע באַטײַטן איז אין הײַנטיקן לעבעדיקן ייִדיש שכיח דער באַטײַט פֿון אַ שרײַב־אָדער לייען־טעות. און אַזוי גייט עס איבער איינעם וואָס זאָגט הויך גרײַזן בײַם דאַוונען. דאָס ווערטל ווי עס ברענגט רעוורענד כּהן אין זײַן געזעמל (לאָנדאָן, הוצאת מאזין סי׳ 327): „זײַן שטענדער און זײַנע גרײַזן״. וואָס דערמאָנט אין פֿאַרקערטן סדר, דעם ענין „ומפני שיבה [־גרײַז] תּקום [שטיין, שטענדער].

⁂

אין אונדזער זאָג האָט גרײַז בפֿירוש דעם באַטײַט פֿון אַ שרײַב־פֿעלער, און אַזוי ברענגט עס טאַקע איגנאַץ בערנשטיין אין זײַן געזעמל (1908 סי׳ 2538); ער שרײַבט „נח״ מיט זיבן גרײַזן, און באַמערקט: עס איז ניט קיין לײַכטע זאַך, צו שרײַבן דאָס ווערטל „נח״ מיט זיבן גרײַזן, און דאָך האָט אַן עם הארץ דאָס קונץ באַוויזן. ער האָט נעמליך געשריבן „נויאעכ״. אָבער מיר מוזן דערצו באַמערקן, אַז עס זײַנען בלויז זעקס און ניט קיין זיבן גרײַזן, פּונקט ווי עס ברענגט צענדליקער יאָרן פֿרי̇ער מענדעלע „פֿון אַלע זײַנע זאַכען שטעל איך דאָ אײַך אַרויס זײַן „נוייאכ״ מיט זיבען גרײַזען אונ זײַן עברי זעטצען אין דער הגדה: „תּרח אבי, אַבֿרהם ואבי, נחור ויעבדו („דאָס קליינע מענטשעלע״, תרל״ט ז׳ 66) ווידער אַמאָל זעקס און ניט זיבן גרײַזן. אַזוי ציט זיך עס כּמעט עד היום, ווי עס ברענגט, אַ שטייגער, משה צוקער (טאָג־מאָרגען זשורנאַל 18 פֿעב׳ 1961) נוסח מענדעלע.

מיר האָבן געזאָגט כּמעט עד היום, ווײַל צבי שטאָק ברענגט אַ מעשׂה פֿאַר קינדער אין זײַן ביכעלע „נח מיט זיבן גרײַזן״ (כ׳וועל אײַך דערציילן) ניו־יאָרק 1951 איבערגעדרוקט אין „ייִדישע צײַטונג״ בוענאָס־אײַרעס 21 מײַ 1964) דאָרט פֿרעגט אַ לערער די קינדער, ווי אַזוי מאַכט מען די קונץ און באַווײַזט עס שרײַבנדיק אויפֿן טאָוול „לאַנג נון, קמץ אַלף, וואַוו, יוד, פּתח־אַלף, היי. לאַנגע כאַף — „נאָויאַהך״ (ז׳ 15). דערצו אָבער צוויי הערות.

די ערשטע הערה — אויך דאָ שטעקט דער עיקר־שפּיל אין טאָפּל־באַטײַט פֿון וואָרט „גרײַז״. זאָגט דאָך איין קינד צום אַנדערן: „עס האָט ניט צו טאָן מיט נחן פֿון חומש, נאָר עס איז אַן אַנדערע, זייער אַ שיינע מעשׂה; ס׳איז אַ מעשׂה פֿון נח מיט זיבן אַלטע לייט״ (דאָרט ז׳ 15) נאָך דעם ווי איין קינד

הערט אויס דעם פּירוש פֿון דעם לערער, זאָגט עס: „איך האָב געמיינט, אַז גריַיז מיינט אַן אַלטער מאַן, און איר וועט אונדז דערציילן אַ מעשׂה פֿון נח מיט זיבן אַלטע לייט", און דער לערער ענטפֿערט אים: „אַ „גריַיז" מיינט אַן אַלטער מאַן און אַ „גריַיז" מיינט אויך אַ טעות. היַינט האָב איך איַיך דערציילט ווי מען לייגט אויס נח מיט זיבן גריַיזן. אַ צווייט מאָל וועל איך איַיך דערציילן אַ מעשׂה פֿון נחן מיט זיבן אַלע לייט" (דאָרט ז׳ 16). ניט בלויז די קינדער, נאָר אויך מיר זיַינען בעלנים צו הערן די דאָזיקע מעשׂה.

די צווייטע הערה: להיפּוך די פֿריִערדיקע אויסלייגן וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ לאַנגער נון און ענדיקן זיך מיט קרומער כף, האָבן מיר דאָ אַ לאַנגע כף וואָס פֿאַרקלענערט די פּיקאַנטעריע. אָבער מעגלעך, אַז דער מחבר פֿון דעם קינדער־מעשׂהלע האָט געכאַפּט, אַז דער דרך זיַינער האָט אויך אַ שטיקל אסמכתא, וויַיל פֿאַראַן אַן אויסלייג פֿון נח וואָס באַנוגנט זיך מיט איין גריַיז — זע דעם עפּיגראַם פֿון שמואל שרהזאהן (המגיד החדש, תרנ"ג שנה ב׳ גל׳ 8):

ישב פלוני הרבי, דרש, איזן וחיקר
מה ראה נח להיות שותה שיכור?
אכן מלתא דלא רמיזא באורייתא אין,
צאו וראו כי נך בגימטריא יין
לכן שתה ולעה ונתן בכוס עין"
אבל התפלא אחד פליאה גדולה
הרבי נתפש בכף והחשבון איך עולה?
החוצה תשליכו אותו — קרא הרבי בזעם —
בעל מדקדק הוא! הראה לדעת הפעם".

דער טיַיטש: יענער רבי [פֿון חסידים] איז געזעסן געדרשנט און גע־חקרנט: „וואָס איז עפּעס נח שטענדיק שיכור? נישטאָ קיין זאַך וואָס איז ניט מרומז אין דער תּורה, דען טוט נאָר אַ קוק און זעט, אַז נך באַטרעפֿט יין, דאָס הייסט — ווייַן (משמע נך באַטרעפֿט זיבעציק און יין באַטרעפֿט זיבעציק) דערפֿאַר האָט ער געטרונקען און געזשלאָקעט און אַריַינגעקוקט אין גלעזל אַריַין. אָבער — האָט איינער גאָר פֿאַרווונדערט — מען האָט דעם רבין גע־פּאַקט ביַי דער האַנט (בכף קען אויך מיינען, דאָס אַזוי האָט מען פֿון ח׳ וואָס באַטרעפֿט אַכט, געמאַכט כף וואָס באַטרעפֿט צוואַנציק; און ווי אַזוי שטימט דער חשבון? — „וואַרפֿט אים אַרויס, רופֿט זיך אָן דער רבי מיט כּעס, — ער קען דיקדוק, ער איז אַן אַפּיקורס, ווי ער האָט עס איצט באַוויזן".

אַגבֿ, עס איז אפֿשר ניט קיין צופֿאַל, וואָס אונדזער זאָג ווערט אין דער ליטעראַטור צומאָל געבראַכט אין אַנפֿירצייכן ווי מען איז זיך נוהג לגבי ווערטלעך וכדומה, וואָס זיַינען אין טעקסט לפּחות ניט קיין פֿולע בני בית, זע,

אַ שטייגער, י. ל. פּרץ אין זײַן קריטיק איבער אַ העפטל, וועגן ייִדישן פעלד־אַרבעטער: „אַזוי זאָגט דער שער וואָס איז געשריבן אויף פּאַטריאָטיש לשון און — „נח מיט זיבן גרײַזן“ (אַלע ווערק באַנד 7, ז 68, 1947) און בעיקר אין אַן אַנדער קריטיק: „אַזוינע פּערל פון חכמה, שכל הישר, גראַמאַטיק און אָר־טאָגראַפיע געפינט איר אין אַ קליין ביכל פול און פּיל! אַלץ איז אָנגעוויזן „איבער איין אויער, אַלץ איז אַרויסגעזאָגט ווי פון אַ שטומען, אַלץ איז געשריבן „נוח מיט זיבן גרײַזן“ (דאָרט, דאָרט ז׳ 106 פאַרשטייט זיך, אַז לרוב האָט זיך דער זאָג כמעט באַפרײַט פון די געגנדזנפּיסלעך. זע, אַ שטייגער יצחק באַשע־וויס: „זי האָט אַרײַנגעמישט אין שרײַבן אַ סך העברעיִשע ווערטער, ווי ווײַל זי האָט אויסגעלייגט נח מיט זיבן גרײַזן“ (די אוואַנטורע, פאָרווערטס, 12 נאָוועמבער 1966) וכדומה.

אַן אינטערעסאַנטע דוגמא האָבן מיר בײַ מנחם באָריישאָ, ווו דער העלד הייסט טאַקע נח: „קיינער פון די יונגעץ רירט זיך גיט פון אָרט. ברומט אַרײַן ר׳ שלום אין זײַן גרויער באָרד: ס׳בענקט זיך נאָך נחקען מסתמא/שטייט אַ שוחט צו: — אַוודאי/נאָכן פאַסטעך בענקט די סטאַדע/און אַ קצב הייבט אָן וואַרפן גראַמען/וועגן נח׳ן מיט זיבן גרײַזן/וואָס ער לאָזט זיך שפּרייזן, ווײַזן, לייזן“ (דער גייער ב׳ ז׳ 326).

פאַרשטייט זיך, אַז בײַם סתם באַנוצן אונדזער זאָג, מיינט גרײַז בלויז אַ טעות, און קיינער פון די באַנוצערס קלערט נישט וועגן אַ זקן, בפרט ווען דער באַנוץ גייט אַריבער אין העברעיִש, ווו דער דאָזיקער טאָפּל־שפּיל איז נישט מער קאָנטיק. זע אַ שטייגער, אַביגדור המאירי אין זײַן פּאָעמע איבערן גיבור יאָסעלע טעגלאַש, (מאסף סופרי ישראל, ת״ש, ז׳ 180).

והרי לא פעם מצחו לו התקמט
על שבע השגיאות בשם המפורש נח?
לא, מלאכים, יוסי לא נוצר
לחבוש בית מדרש, אף לזמן קצר.

טײַטש — האָט ניט איין מאָל דער שטערן זײַנער זיך געקנייטשט איבער די זיבן גרײַזן אין שם המפורש נח? ניין, מלאכימלעך, יאָסעלע איז ניט באַשאַפן געוואָרן צו קוועטשן די באַנק, אַפילו אַ קורצע צײַט.

פון דעסטוועגן האָט אונדזער ווערטל פאָרט אַ שייכות צו אַ טאָפּל־שפּיל מיטן וואָרט גרײַז, אָבער נישט אין זיבנען פון טעות און זקן, נאָר אין זיבנען פון טעות און קרײַז (עיגול). און עס איז, לדעתי, אַ חדר רעטעניש וואָס זײַן פרימאָרער באַטײַט איז שוין פאַרגעסן געוואָרן און האָט שפּעטער דערהאַלטן בלויז דעם סעקונדאַרן, ווי ער גייט אָן אין אונדזער הײַנטיקן באַנוץ. און דאָס רעטעניש מוז אַלט זײַן. עס מוז דאָך שטאַמען פון דער צײַט, ווען דאָס וואָרט

קרייז [אָדער גראַאָז] איז אַרויסגערעדט געוואָרן גרײַז [אָדער גראַאָז]. אַזוי האָבן מיר נאָך אין ר׳ נחמן בראַצלאַווער סיפּורי מעשׂיות: „ונעשה עיגול סביבותם — און האָט גמאַכט איין עיגול (כלומר אַרום גיקרייסט) אַרום זייא״ (פֿאָטאָקאָפּיע פֿון לעמבערגער דרוק ניו־יאָרק תש׳ח ז׳ 30). אָבער מיט אַ היפּשע פּאָר דורות צוריק ר׳ יחיאל מיכל עפּשטיין: „מן זאָל מיט זײַנר האַנד אבר [אָבער] שטעקן איין גראז אום זיך מאכן אונ זאָל זיך אַרום דרעהן אונ זאָל דרייא מאָלט זאָגן „(סידור תּפֿילה ישרה פֿראַנקפֿורט דאדער תס׳ג עז׳ עא׳).

עס איז אַ ספֿק אויב גרײַז אָדער גראַאָז אין זינען פֿון קרייז, עיקול, צערקל האָט זיך דערהאַלטן אין דעם לעבעדיקן גערעדטן ייִדיש; אַפֿילו קרייז אָדער קראַאָז איז זעלטן — אין מײַן געבוירנשטאָט איז געווען אַ קלאָרע דיפֿערענציאַציע: דעם רב ר׳ אַבֿרהם מנחם־מענדל הלוי שטיינבערג האָט מען גערופֿן קרייז־רב, אָבער דעם רעליגיע־לערער ד״ר יהושע עוזר פֿראָסט האָט מען גערופֿן קרייז־ראַבינער, כאָטש ביידע האָבן מיטן גליל ניט געהאַט קיין שייכות. בדרך כּלל זײַנען מיר געוווינט צו אַ פֿאַרקערטער דערשײַנונג. און די האָר זײַנען סײַ געקרייזלט, סײַ געגרייזלט (אַגבֿ, העברעיִש האָט זיך מסתּמא אונטער דער השפּעה פֿון ייִדישן, ענלעך קלינגנדיקן וואָרט סטאַטויִרט: שערות מקורזלות, כאָטש חז״ל האָבן דאָס וואָרט, וואָס מיינט לגבי שטיינער, און א. מ. דיק שרײַבט („דיא שקלאַווערייא״, תרמ׳ח טייל 1, ז׳ 10): אירע האָר וואַר שוין ניט קרויז (געגרייזלט אונ קורץ״.

גראַאָז אָדער גרײַז אין זינען פֿון קרייז (עיגול) קען איך אין לעבעדיקן ייִדיש בלויז אין איין באַנוץ — אַ גראַזלעריי אָדער גרייזלעריי האָט אין אונדזערע קאַנטן געהייסן אַ געוועלבל פֿאַר וויקטואַליען, גרונטיק מיינט עס מסתּמא אַ מין פּעדלעריי מיט דער סחורה, אָבער דעם בעל הגעוועלבל האָט מען אָנגערופֿן גרייזלער, קיין מאָל ניט גראַאָזלער. אָבער גרייזלער און — נאָך מער קרייזלער — זײַנען געווען משפּחה־נעמען (דאַאָטש־נעמען).

נעמען מיר, הייסט עס, אָן, אַז בײַ נח מיט זיבן גרײַזן האָבן מיר צו טאָן מיט אַ גרײַז אין באַטײַט פֿון קרייז, עיגול, צערקל. וואָס איז געווען אַ באַהעלף זיך צו לערנען שרײַבן, די עצם שיטה איז באַשטאַנען פֿון אויפֿשרײַבן דאָס אות ווי אַ ריי פֿון עיגולים וועלכע מען האָט פֿאַרבונדן מיט שטריכעלעך, און צווישן די חדר־רעטענישן, וואָס זײַנען אָנגעגאַנגען איז, ווײַזט אויס, געווען אויך אַ רעטעניש ווי אַזוי שרײַבט מען נח מיט זיבן גרײַזן? און דער באַשייד איז געווען אַזוי:



ווי אַ רעטעניש איז עס געגאַנגען אויף דער ליניע פֿון טאָפּל־שפּיל, און דאָס, פֿאַרשטייט זיך, נאָך אין אַ צײַט, ווען גרײַז האָט געהאַט בײדע באַטײַטן — אי קרייז, אי פֿעלער. אָבער אַזוי ווי דער ערשטער באַטײַט אין זיבעצן פֿון קרייז איז פֿאַרגעסן געוואָרן און עס איז געבליבן בלויז דער אַנדערער באַטײַט אין זיבעצן פֿון אַ פֿעלער בעיקר, שרײַב־פֿעלער, האָבן מיר נאָר די סעקונדאַרע תּשובה, ווי עס ברענגען מענדעלע און אַנדערע און ווי עס איז געוואָרן שכיח בכּתבֿ און בעל פּה.

לסוף ווילן מיר אונטערשטרײַכן, אַז די השערה אונדזערע פּרעטענ־דירט ניט צו זײַן מער ווי אַ השערה, אָבער עס דוכט זיך, אַז עס איז כּדאַי זיך אין איר אַרײַנצוקלערן אין דער געשיכטע פֿון די שיטות צו לערנען שרײַבן לשון קודש און עבֿרי טײַטש אין די פֿריִערדיקע דורות.